בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

## סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי

תשפ"ד

**339**

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג

27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק

4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל

8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל

8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו

24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי

32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון

23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב

ליבערטי - ניו יארק

### האשקי

181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל

291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה

187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק

2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה

67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים

21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים

רח' רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק

רח' ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה

רח' משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש

רח' ריב"ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד

רח' רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל

רח' המייסדים
**052-716-3184**

## צפת

רח' צהל 1
**050-412-6101**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**

עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


צוּשְׁנַיידְן אַלְטֶע קְלֵיידֶער, הֵייסְט אַז מֶען פַּארְשֶׁעמְט זֵיי? .......... א

פַּארְוָואס פַּאל אִיךְ דוּרְךְ דַוְקָא אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? .......... ב

וֶועט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַצָב בַּיי זֵיידֶע בַּאבֶּע, שָׁאטְן פַּאר דִי קִינְדֶער? .......... ד

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּטְשֶׁעפֶּען פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן? .......... ו

זָאל אִיךְ וַוייטֶער לֵייגְן קוּנְטְרֵסִים, אוֹיב וֶוערְט עֶס צֶערִיסְן? .......... ח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט .......... א

זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה .......... ב

זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּארְטָאגְס, אַ סְגוּלָה פַּאר קִינְדֶער .......... ג

דִי זֶעלְבֶּע וִוי סֵפֶר הַקָדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַחַל", נָאר מֶער אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט .......... ג

נִישְׁטָא קַיין שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁטָא קַיין גְרַייזְן .......... ד

וָואס הָאט מֶען פוּן נָאכְלוֹיפְן דִי וֶועלְט? .......... ה

גֵיין נָאךְ צְדָקָה אוּם פּוּרִים .......... ו

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט פַּאר הֵייצוּנְג .......... ו

גָארְנִישְׁט טוּן אֵיידֶער מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת .......... ז

זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף נִסְיוֹנוֹת, בְּרֶענְגְט נִיסִים .......... ח

קַיין אֵיין תַּלְמִיד אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען .......... ט

וָואס קֶען אִיךְ טוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער? .......... י

דִי וָואס גֵייעֶן הֲפָּצָה, הָאבְּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט........................ י
אוֹיסְרִימֶען דִי וַוייבּ מִיט אִיר אֵיידְלְקֵייט.......................................יא
לָאז אַלֶעס קְרַאכְן, אוּן גֵיי דַאוֶוענֶען ..........................................יב
אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטֶעטְל, מִיט אַלֶע טַעֲמִים......................................יב
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן...................טו
אָן הִתְבּוֹדְדוּת, קוּמְט מֶען צוּ כְּפִירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן ..........................טו
דִי אַרְבֶּעט וָואס דִי אָפִּיס לֵייגְט אַרַיין דִי מוֹסָד זָאל אָנְגֵיין .......................טז
אַז מֶען גְלַייכְט מֶער דִי שְׁטָאט, זָאל מֶען דָארְט וואוֹינֶען..........................יז
זָאגְן דֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַארְץ ..........................יז
אַלֶעס זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אַרוּם דִי קִינְדֶערְ'ס סֵדֶר הַיּוֹם.........................יח
מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, בְּלַייבְּט מֶען בַּיים צַדִיק....................................יט
וָואס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעפֶעלְט דִי פְּרוֹי?......................................... כ
מִיט חֲבֵרִים אַ שָׁאד צוּ רֶעדְן, מִיט דִי וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן .....................כא
אַרַיינְגֶעטוּן אִין לֶערְנֶען אוּן שְׁמוּעֶסְט נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ........................כג
אַז מֶען רֶעדְט צוּ אַ פְּרֶעמְדְן, שְׁטֶערְט עֶס דִי שָׁלוֹם בַּיִת........................כג
מִיט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט מֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן ......................כד
מַאךְ אִיר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, בִּיז זִי וֶועט דִיךְ טְרַייבְּן צוּם לֶערְנֶען .....................כה
חַזֶר'ן דִי עִבְרִי מִיטְן קִינְד, מִיט אַ גְלֶעט אוּן שְׁמֵייכְל ..........................כו
עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אִינְטֶערְנֶעט אִין מְלַמְדִים שְׁטוּבּ ........................כז
מַחֲצִית הַשֶׁקֶל, אִיךְ אַלֵיין בִּין נָאר הַאלְבּ......................................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**צוּשְׁנַיידְן אַלְטֶע קְלֵיידֶער, הֵייסְט אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (בְּגָדִים חֵלֶק א, סִימָן יא): "כָּל הַמְּבַזֶּה בְּגָדִים, לְסוֹף אֵינוֹ נֶהֱנֶה מֵהֶם", וֶוער עֶס פַארְשֶׁעמְט קְלֵיידֶער, וֶועט צוּם סוֹף נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן זֵיי. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזוֹי וִוי בַּיי אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת נֶעמְט מֶען דִי אַלְטֶע אוֹיסְגֶענוּצְטֶע קְלֵיידֶער אוּן מֶען צֶעשְׁנַייט עֶס אוֹיף עֶטְלִיכֶע קְלֶענֶערֶע שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן מֶען נוּצְט עֶס פַאר שְׁמַאטֶעס, אוֹיבּ דָאס הֵייסְט פַארְשֶׁעמֶען קְלֵיידֶער?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען קְלֵיידֶער וָואס מֶען נוּצְט, קְלֵיידֶער וָואס מֶען טוּט אָן; פוּן דִי קְלֵיידֶער רֶעדְט דֶער רֶבִּי. דֶער מְקוֹר אִיז, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת סב:) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי עֶק פוּן שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ׳ס קְלֵייד, דֶערִיבֶּער וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן שְׁטֵייט (מְלָכִים א׳ א, א): ״וַיְכַסֻּהוּ בַּבְּגָדִים וְלֹא יִחַם לוֹ״, מֶען הָאט אִים צוּגֶעדֶעקְט מִיט קְלֵיידֶער אוּן עֶס הָאט אִים נִישְׁט אָנְגֶעוַוארֶעמְט, וַוייל עֶר הָאט מְבַזֶּה גֶעוֶוען דִי קְלֵיידֶער.

קְלֵיידֶער וָואס מֶען נוּצְט נִישְׁט מֶער, עֶס שְׁטֵייט צוּ וֶוערְן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן

- מֶעג מֶען מַאכְן פוּן דֶעם אַנְדֶערֶע נוּצְן. אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעטוּן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נא.): "מִבְּלָאֵי מִכְנְסֵי כֹּהֲנִים וּמֵהֶמְיָנֵיהֶן, מֵהֶן הָיוּ מַפְקִיעִין, וּבָהֶן הָיוּ מַדְלִיקִין", מֶען הָאט גֶעמַאכְט פוּן דִי אַלְטֶע גַארְטְלֶעךְ אוּן הוֹיזְעֶנֶעס פוּן דִי כֹּהֲנִים קְנוֹיטְן פַאר דִי מְנוֹרָה פַאר שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה.

דִי וֶועשׁ וָואס בַּאקוּמֶען לֶעכֶער, אַז מֶען קֶען עֶס פַארְנֵייעֶן - אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען מַאכְן פוּן דֶעם שְׁמַאטֶעס וִוי צוּ גֵיין מִיט קְלֵיידֶער מִיט לֶעכֶער; מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט לֶעכֶערְדִיגֶע קְלֵיידֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט לֶעכֶער אִין דִי קְלֵיידֶער.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס פַאל אִיךְ דוּרְךְ דַוְקָא אוֹם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער זֵיי אוֹיס אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן לַיין "קוֹל בְּרֶסְלֶב", עֶס גֶעבְּט מִיךְ אַסַאךְ חִיזוּק, אוּן בְּעִיקָר דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער קְדוּשַּׁת הַבְּרִית מִיט וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ בַּאקוּם אַן הִתְעוֹרְרוּת פוּן אַ נִיגוּן אָדֶער פוּן אַ שִׁיעוּר, בְּרֶעךְ אִיךְ עֶס דוּרְךְ; וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער שַׁבָּת אוּן פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס נָאךְ דִי סְעוּדָה אִיז עֶס אוּמְמֶעגְלִיךְ, אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ אַרָאפּ. אִיךְ גֵיי נָאר בַּארְג אַרָאפּ, עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער יֶעדֶעס מָאל, אָן קַיין גְרֶענִיץ. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס אִיז מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט וֶוערְד צוּ פְּרוּבִּירְן, וַוייל אֲפִילוּ אוֹיב אִיךְ וֶועל זִיךְ יָא קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן פַאר אַבִּיסְל, אִיז מִיר זִיכֶער אַז אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל אַרָאפְּפַאלְן אוֹם שַׁבָּת, אוּן נָאךְ אַרָאפְּפַאלְן עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער.

בִּיטֶע אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר הֶעלְפְן אוּן זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ה אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶען זַיין וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער טָאג שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דֶעמָאלְט גֵייסְטוּ לֵיידִיג, דֶערִיבֶּער הָאסְטוּ דֶעמָאלְט שְׁוֶועֶרע נִסְיוֹנוֹת; גֵיין לֵיידִיג אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶע עֲבֵירוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): ״הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם״, לֵיידִיג גֵיין בְּרֶענְגְט צוּ אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן י): ״אִישׁ בָּטֵל שֶׁאֵין עוֹסֵק בְּשׁוּם עֵסֶק, עַל יְדֵי זֶה תַּאֲוָתוֹ מְרֻבָּה וְכוּ׳״, דֶער לֵיידִיגֵייעֶר וָואס טוּט גָארְנִישְׁט - דֶער הָאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת אוּן פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, עַיֵּין שָׁם.

שַׁבָּת נָאךְ דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג חַס וְשָׁלוֹם זִינְדִיגְן אִין דִי עֲבֵירָה, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כג, סְעִיף א): ״אָסוּר לְהוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה״, מֶען טָאר נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, ״וְעָוֹן זֶה חָמוּר מִכָּל עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה״, אוּן דִי עֲבֵירָה אִיז הַארְבֶּער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, נָאךְ זָאגְן זֵיי (נִדָּה יג:): ״כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה״, וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה, ״רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים״, רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי אַמִּי זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים, ״רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִילּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים״, רַב אַסִּי זָאגְט, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת. יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט):

"אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַּךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דִי שִׂיחָה, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט נֶעבֶעךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַּךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶועט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַצָּב בַּיי זֵיידֶע בַּאבֶע, שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בַּיי מַיין שְׁוִויגֶער אִין שְׁטוּב רֶעדְט מֶען אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע, מַיין שְׁוִויגֶער רוֹדְפְ'ט מַיין שְׁוֶוער גֶעפֶערְלִיךְ, זִי פַארְגִינְט אִים נִישְׁט, זִי הָאט אִים פַיינְט, אוּן זִי שְׁרֵייט אִים אָן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט. מַיין שְׁאֵלָה אִיז וִוי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיב אִיךְ מֶעג גֵיין אַהִין מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע מַצָּב דָארְט

זָאל נִישְׁט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף זֵיי, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועג פוּן כַּעַס אוּן אַכְזָרִיּוּת, פוּן דִי גֶעשְׁרֵייעֶן אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט וָואס הֶערְשְׁט דָארְט כְּסֵדֶר; וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן דֶעם?

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ בִּין מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים צוּ רֶעדְן רוּאִיג אוּן אֵיידֶל, נִישְׁט צוּ זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער מַאכְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי בַּאבֶּע'ס הוֹיז?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַייעֶר מַאנ'ס עֶלְטֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ צְוִוישְׁן זֵיי - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט אַייךְ; קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט נֶעמֶען אַ צַד וֶוען עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, קִינְדֶער דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע - סַיי דִי טַאטֶע אוּן סַיי דִי מַאמֶע, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה - סַיי דִי שְׁוֶוער אוּן סַיי דִי שְׁווִיגֶער.**

**מֶען דַארְף דַן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם, בִּפְרַט דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן אוּן דֶעם מַאנ'ס עֶלְטֶערְן, מִיר דַארְפְן זוּכְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן צוּ טְרֶעפְן נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.**

**בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בַּיי לִיכְט צִינְדְן אִיז אַ גוּטֶע צַייט דִי תְּפִלּוֹת זָאלְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען. וֶוען פְרוּיעֶן וָואלְטְן גֶעווּיסְט וִוי חָשׁוּב דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעט וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זֶענֶען - וָואלְטְן זֵיי מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.**

**רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער, אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד**

**אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דָא אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַּאר אַלֶע אִידְן, זָאלְסְט אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אַלֶע אִידְן דִי לִיכְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן"; אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דִי שְׁטוּבּ אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט - זָאלְן מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע לֶעבְּן, מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, הִיט זֵיי אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּטְשֶׁעפֶּען פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַ שְׁאֵלָה צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין.

אִיךְ בִּין יֶעצְט נַיינְצְן יָאר אַלְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין אַ יְשִׁיבָה, אִיךְ אַרְבֶּעט שׁוֹין פוּן דִי פוּפְצְן יָאר. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַאלְן אִין קְדוּשָׁה, אָבֶּער אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין עֶרְלִיךְ.

נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט אַ נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַז אִיךְ דַארְף עֶס הָאבְּן "לְצֹרֶךְ פַּרְנָסָה", אָבֶּער צוּם סוֹף הָאט מִיר עֶס גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זֵייעֶר נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְבִּינְדְן דוּרךְ סָאשֶׁעל מִידְיֶע מִיט עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיךְ צוּם סוֹף אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן. אִיךְ וִויל עֶס בֶּאֱמֶת אַוֶועקְוָוארְפְן, עֶס הַרְגְ'ט מִיךְ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אִיךְ קֶען זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אָפְּטְשֶׁעפֶּען דֶערְפוּן. אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיךְ מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז נִישְׁט צוּפִיל דָא פַאר מִיר. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף הָאבְּן אֵיינֶעם מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיךְ אוּן שְׁפִּירְט מִיט מִיר, אֵיינֶעם אוֹיף וֶועמֶען אִיךְ קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי בָּאוּ מַיִם עַד נֶפֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אוֹיף דַיין עָתִיד, דַיין טֶעלֶעפָאן טְרָאגְט דִיךְ צוּם טוֹיט; וֶויי פַאר דִיר, וֶויי פַאר דַיין עָתִיד, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן צוּלִיבּ דִי קְלֵיינֶע גֶעטְשְׁקֶע - דִי טֶעלֶעפָאן?

מוֹהֲרָא״ש הָאט אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט, אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן דִי צָרָה וָואס הָאט בַּאטְרָאפְן אוּנְזֶער דוֹר, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, עֶר הָאט אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּ חָרוּב מַאכְן דָאס לֶעבְּן פוּן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג; דֶער בָּחוּר קוֹיפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דֶעמָאלְט דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ; עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קוּקְט דָארְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וַוארְף אַוֶועק דֶעם טֶעלֶעפָאן, וַוארְף אַוֶועק דִי גֶעטְשְׁקֶע, אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן עֲבֵירוֹת וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן; אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה פַאלְט מֶען אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶער טֶעלֶעפָאן וְכַדוֹמֶה הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶערִיסְן טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען פַארְשְׁמִירְט זִיךְ דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם הָאט מֶען קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים אוּן מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, בִּיז מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט.

דוּ שְׁרַייבְּסְט דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אֵיינְעֶר אַלֵיין, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ הָאסְט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, לִיבֶּער בְּרוּדֶער מִיר הָאבְּן אַ בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט דִיךְ, דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן דַיין קוֹל; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זַיין אַזוֹי אַלֵיין, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג אִים וָואס דְרוּקְט דִיר, זָאג אִים וָואס קְוֶועטְשְׁט דִיר, זָאג אִים ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר, ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, דוּ פַאלְסְט אִין דִי טוּמְאָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן דִי שְׁטַארְקְקֵייט צוּ אַוֶועק וַוארְפְן דִי שְׁמוּץ, דִי טוּמְאָה; מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

אִיךְ בֶּעט דִיר פָאלְג וָואס שְׁטֵייט דָא, וַוארְף אַוֶועק דֶעם טֶעלֶעפָאן, אַנְשְׁטָאט דִי טֶעלֶעפָאן - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים, אַנְשְׁטָאט פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט צוּ קוּקְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, קוּקְן סְטֶעטוּס, קוּקְן מָאוִויס, קוּקְן קְלִיפְּס, אַנְשְׁטָאט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט אוּן וֶוערְן אַ נֶערְוֶועז קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ - זָאג סֵפֶר תְּהִלִּים, וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער אָן הֲבָנָה, זָאג דִי וֶוערְטֶער ווִי אַ קְלֵיין קִינְד; דָאס וֶועט אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, וֶועסְטוּ צוּרִיק וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ וַוייטֶער לֵייגְן קוּנְטְרֵסִים, אוֹיבּ וֶוערְט עֶס צֶערִיסְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה צוּ לֵייגְן יֶעדְן טָאג גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים אִין שׁוּלְן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא קְבִיעוּתְ'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען עֶס אוּן לֵיינֶען עֶס, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה.

אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּ זֶען אַז טָאג נָאךְ טָאג זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס צֶערַייסְן דִי קוּנְטְרֵסִים, אוּן אַזוֹי קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדְן טָאג וֶוען אִיךְ

קוּם בְּרֶענְגֶען אַ נַייֶע קוּנְטְרֵס, זֶע אִיךְ אַז דִי קוּנְטְרֵס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעכַּטְן אַרָאפְּגֶעלֵייגְט לִיגְט דָארְט צֶערִיסְן אוֹיפְן טִישׁ אָדֶער אוֹיף דֶער עֶרְד.

זָאל אִיךְ וַוייטֶער לֵייגְן דָארְט קוּנְטְרֵסִים, ווייל עֶס אִיז לְמַעֲשֶׂה יָא דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נָאךְ הֲנָאָה דֶערְפוּן, אֵיידֶער עֶס וֶוערְט צֶערִיסְן. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט לִיגְט עֶס נָאכְדֶעם צֶערִיסְן דָארְט מִיט בִּזְיוֹנוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ נִישְׁט קַיין נַייֶע זַאכְן, מוֹהֲרַ"ש הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל טֵיילְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִין דִי שׁוּלְן בְּחִנָּם, הַפָּצָה גֵייט דִירֶעקְט פוּן מֶענְטְשׁ צוּ מֶענְטְשׁ, מִיַּד לְיַד; מֶען טְרֶעפְט אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מֶען אִים: "דָא הָאט אִיר אַ שֵׁיינֶע סֵפֶר, אִיר וֶועט זִיךְ מְחַיֶ' זַיין", אוּן מֶען בֶּעט יֶענֶעם צְדָקָה; נִישְׁט גֶעבְּן בְּחִנָּם אָדֶער לֵייגְן אִין שׁוּלְן.

אַז דוּ ווילְסְט עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען דִי פוֹילֶע וֶועג פוּן לֵייגְן אִין שׁוּלְן אָדֶער לֵייגְן בַּיי הַייזֶער בַּיי דִי טְרֶעפּ, הֲפָצָה גֵייט מִיַּד לְיַד, פוּן הַאנְט צוּ הַאנְט. גֵיי פוּן שְׁטוּבּ צוּ שְׁטוּבּ, קְלַאפּ אִין דִי טִירְן אוּן זָאג: "דָא הָאט אִיר אַ שֵׁיינֶעם סֵפֶר וָואס וֶועט אַייךְ לִיכְטִיג מַאכְן דִי אוֹיגְן", אוּן בֶּעט צְדָקָה, אַזוֹי אוֹיךְ קֶענְסְטוּ גֵיין אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן אוּן אִין דִי כּוֹלְלִים אוּן יְשִׁיבוֹת, אָבֶּער בְּשׁוּם אֵין אוֹפְן גֶעבְּן בְּחִנָּם דִי סְפָרִים.

גִּלְיוֹנוֹת קֶענְסְטוּ לֵייגְן, גִּלְיוֹנוֹת לֵייגְן אַלֶע; אִין יֶעדֶע שׁוּל אִיז דָא צֶענְדְלִיגֶער גִּלְיוֹנוֹת פוּן אַלֶע קְרֵייזְן אוּן פוּן אַלֶע שִׁיכְטְן, צוּ לֵייגְן גִּלְיוֹנוֹת דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין רְשׁוּת, אַלֶע שׁוּלְן שְׁווִימֶען מִיט אַלֶע סָארְט צֶעטְלֶעךְ, זָאל שׁוֹין אוֹיךְ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס צֶעטְל וָואס וֶועט אַלֶע מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גִּלְיוֹנוֹת, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר

מְחַיֶ׳, דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן אִיז פַאר אַלֶעמֶען ; פַאר אַלְטֶע, יוּנְגֶע, רַייכֶע, אָרֶעמֶע, לוֹמְדִים, עַמֵּי הָאֲרָצִים וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, שׁוֹבְבִי"ם, ב' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַרוֹיס מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פַאר קִינְדֶער מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אַ שָׁאד יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער; וַוייל וֶוען קִינְדֶער הֶערְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - אִיז דָאס אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער וִוי שְׁפֶּעטֶער.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער, אַ מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט זֵיי שְׁטַארְקְן צוּ הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וִוי דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ בָּזֶה וּבַבָּא פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְט.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער מֶען זָאל זֶען וִוי אַ אִיד זִיצְט אִין פַּארְק מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוֹיפְן שׁוֹיס, אוּן וִוי גוֹיִם, יוּנְגֶע שְׁקָצִים - טַאנְצְן אַרוּם אוּן מַאכְן אִים מְשׁוּגָע, אֵיין גוֹי מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אֵיין גוֹי מִיט אַ בֶּעזֶעם וִוי עֶר וִויל אִים שְׁטוּפְּן אוּן אֵיין גוֹי שְׁטֵייט פוּן הִינְטְן פוּן דֶעם אִיד אוּן וַוייזְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאקְסְן.

**מֹשֶׁה אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אַ בַּאנְדֶע גוֹיִם, שְׁקָצִים - הָאבְּן אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען אוּן זֵיי טְשֶׁעפֶּען אִים, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵיי? דִי גוֹיִם טְשֶׁעפֶּען מִיר, זֵיי מַאכְן מִיךְ מְשׁוּגָע, וָואס טוּ אִיךְ?"**

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אִין בְּרֶסְלֶב מִיטְן נָאמֶען מֹשֶׁה, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'מֹשֶׁה בְּרֶסְלֶבְעֶר', אַמָאל פָארְנְדִיג אוֹיף אַ שִׁיף הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אַ בַּאנְדֶע גוֹיִם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵיי, אוֹיפְן שִׁיף אִיז נִישְׁטָא וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן, דִי גוֹיִם הָאבְּן אִים מְשׁוּגָע גֶעמַאכְט, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵיי.

'אִיךְ הָאבּ אַן עֵצָה! אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, צוּבִּיסְלִיךְ זֶענֶען אַלֶע שְׁקָצִים פוּן אִים אַנְטְלָאפְן.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאט דִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן פוּן דִי עֵצָה?" הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן, וֶוען מֶען לֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אַז אִין קֶבֶר זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען קַיין וֶוערֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַן עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְט אַז עֶס הֶעלְפְט".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, אִיךְ וֵוייס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## זינגען צום אײבערשטן פארטאגס, א סגולה פאר קינדער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס, גִיס אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, לוֹיף אִין מִקְוֶה אוּן זָאג דֶעם ״יוֹם תְּהִלִּים״, דָאס וֶועט זַיין אַ סְגוּלָה פַּאר דִיר פַּאר קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): ״הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת, שֶׁאוֹמְרִין קֹדֶם אוֹר הַיּוֹם, הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים״ , זִינְגֶען אוּן לוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּארְטָאגְס - אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר קִינְדֶער, ״גַּם לְאִשָּׁה שֶׁנֶּחְסַר חֲלָבָהּ״, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה פַּאר אַ פְרוֹי וָואס הָאט וֵוייניג מִילְךְ, ״גַּם לְאִשָּׁה רָעָה שֶׁהִיא כַּעֲסָנִית״, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה פַּאר אַ פְרוֹי וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אוּן כַּעֲסִ׳יג.

פְלֶעכְט אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת צְווִישְׁן דִי פְּסוּקִים, לוֹיבּ אִין דַאנְק אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ; אִידִישׁ, עֶנְגְלִישׁ, רוּסִישׁ, סְפַּאנִישׁ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ; זָאג: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר דִי חֲסָדִים״, הוֹיבּ אָן זוּכְן, זוּךְ גוּט וֶועסְטוּ זֶען עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר גוּטְס; דָאס וֶועט עֶפֶענֶען דִי הִימְלֶען פַּאר דִיר פַּאר זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

...

## דִי זֶעלְבֶּע ווִי סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״, נָאר מֶער אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

קוּם דַאוֶּוענֶען צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דְרֵיי זִיךְ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן בַּיי דִיר אֱמוּנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רפב): ״עִקַּר הָאֱמוּנָה תּוֹלֶה

בַּהִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים", אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ זַיין נָאנְט בַּיים אֱמֶת'ן צַדִּיק, און חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען גֵייט אַוֶועק פוּנֶעם צַדִּיק - פַּארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, כא), דֶער צַדִּיק אִיז דִי עֶק פוּנֶעם 'ד', און אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם צַדִּיק - וֶוערְט פוּנֶעם 'ד' אַ 'ר', עֶס וֶוערְט חַס וְשָׁלוֹם 'אֵל אַחֵר', כְּפִירוֹת, און נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק וֶוערְט אַ 'ד', ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, בְּרִיוו וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, און דִי בְּרִיוו אִיז זֵיי מְחַזֵּק. דִי בְּרִיוו זֶענֶען דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", עֶס אִיז נָאר אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ מֶער אַרָאפּ, נָאךְ מֶער פַּאר דֶעם דוֹר, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט בַּיים לֶעצְטְן שְׁמוּעֶס, אַ וָואךְ פַּאר דִי פְּטִירָה, אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען דִי דִיבּוּרִים און דָאס מֶער אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען פַּארְן דוֹר.

...

## נִישְׁטָא קַיין שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁטָא קַיין גְרַייזְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

"אַז עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל", אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "מֶען פַארְמַאכְט דִי מוֹיל און מֶען פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּיטוּל"; אַז מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת און מֶען וִויל גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט, נִישְׁטָא קַיין שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁטָא קַיין גְרַייזְן, אַלֶעס אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט וּבְחֶסֶד וּבְרַחֲמִים.

גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און חַזֵר אֱמוּנָה; חַזֵר זִיךְ: "אַלֶעס אִיז

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס מַאכְט עֶר, אַלֶעס טוּט עֶר, נִישְׁטָא קַיין טָעוּתִים.

...

### וָואס הָאט מֶען פוּן נָאכְלוֹיפְן דִי וֶועלְט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

דוּ שְׁמוּעֶסְט דָאךְ יָא מִיט מֶענְטְשְׁן, קֶענְסְטוּ זַיין פְרֶעגְן: ״וָואס?״

דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רפו), מֶען וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט פְרֶעגְן מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן נִישְׁט פוּן תַּכְלִית: ״וָואס?״ וָואס הָאט מֶען פוּן נָאכְלוֹיפְן דִי וֶועלְט? וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן? וָואס וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיבְן וֶוען מֶען וֶועט דִיר פָארְהַאלְטְן: פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט? פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט כָאטְשִׁיג אֵיינְמָאל גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה?

טַייעֶרער בְּרוּדֶער, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, בִּפְרַט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וָואס אִיז בְּעֶצֶם דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן, חִיזוּק צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים - וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, דוּ קוּמְסְט פוּן אַ גוּט פְּלַאץ, חֲסִידֵי סַאטְמֶער זֶענֶען זֵייעֶר טַייעֶר, אוּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן קֶען יֶעדֶער אָנְקוּמֶען צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת.

...

**גֵיין נָאךְ צְדָקָה אוּם פּוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיב דוּ קֶענְסְט צוּזַאמְנֶעמֶען דִי בָּחוּרִים בִּימֵי הַפּוּרִים אוּן גֵיין צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר דִי יְשִׁיבָה. הַיינְט אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי יָארְן צוּרִיק, הַיינְט אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן וָואס זֶענֶען וַוארֶעם צוּ דִי יְשִׁיבָה, זֵיי הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַארְן רֶבִּי׳ן, אִידְן טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה; אִיז גוּט זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין מִיט דִי בָּחוּרִים.

זָאג פַאר אַלֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיפְקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ פּוּרִים, אִיךְ נֶעם נִישְׁט אוֹיף קַיין בָּחוּרִים. פַארְנַאכְטְס וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה, אוּן אַרַיין טַאנְצְן אִין דִי נַאכְט, דֶעמָאלְט קֶענֶען דִי בָּחוּרִים קוּמֶען, אָבֶּער דוּרְכְן טָאג זָאלְן זֵיי עוֹסֵק זַיין אִין צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה, אוֹיךְ דִי אִינְגֶעלַייט קֶענְסְטוּ אָנְוַוארֶעמֶען זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ צְדָקָה בִּימֵי הַפּוּרִים.

אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, סֵיי צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, סֵיי צוּ הֶעלְפְן מִשְׁפָּחוֹת אַיינְצוּרִישְׁן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אַ שָׁאד צוּ קוּמֶען זִיצְן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט; מֵילָא אֵיינֶער וִויל בְּרֶענְגֶען מִשְׁלֹחַ מָנוֹת - מֵילָא, דָאס דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען מֶער וִוי צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, דַארְפְסְט דָאךְ אַ יְשׁוּעָה, דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ; זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אוֹיךְ נִישְׁט זִיצְן נֶעבְּן אֵיינֶער וָואס רֶעדְט צוּ דִיר אִין שׁוּל.

...

**עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט פַאר הֵייצוּנְג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע דַחְקוּת וַעֲנִיּוּת, דוּ הָאסְט

נִישְׁט קַיין גֶעלְט, הָאסְט נִישְׁט קַיין הֵייצוּנְג, דוּ זִיצְט מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אִין דִי בִּיטֶערֶע פְרֶעסְטְן, הָאסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן צְוֵויי זַאכְן, עֶרְשְׁטְנְ׳ס אַז דוּ בִּיסְט אִין אַזַא מַצָּב - זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, עַל פִּי הֲלָכָה מֶעג מֶען נֶעמֶען צְדָקָה אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט. גֵיי בַּיים דַאוֶוענֶען צְווִישְׁן דִי מִנְיָנִים, בֶּעט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צְדָקָה, זָאג פַארְוָואס דוּ גֵייסְט, פַארְוָואס דוּ נֶעמְסְט צַאם; פַאר הֵייצוּנְג, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיין בֶּעבִּי זָאל נִישְׁט פַארְפְרוֹירְן וֶוערְן. צְוֵוייטְנְ׳ס, גֵיי צְווִישְׁן דִי גְרָאז, גֵיי פוּן הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ אִין פֶעלְד, הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן זָאג: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ מַתְּנַת חִנָּם, גֶעבּ מִיר אַ גֶענַאדֶע, גֶעבּ מִיר שֶׁפַע אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין מִשְׁפָּחָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג, צוּלִיבּ מַיינֶע זִינְד הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַּרְנָסָה, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף מַיינֶע זִינְד, פַארְגֶעבּ מִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווּאוּיל, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת״.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ וֶוענְדְן צוּ הָאבְרֵךְ אָשֵׁר בֶּער נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט מִטַּעַם דִי הַנְהָלָה צוּ הֶעלְפְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי פְּרָאגְרַאמֶען וָואס דִי שְׁטָאט גֶעבְּט פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס קֶענֶען נִישְׁט צָאלְן הֵייצוּנְג, עֶסְן וְכַדוֹמֶה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט אַ צְדָקָה קַאסֶע צוּ הֶעלְפְן מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים.

...

### גָארְנִישְׁט טוּן אֵיידֶער מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן גֶעבְּן צְדָקָה, פַארְן הֶעלְפְן צָאלְן רֶענְט פַאר דִי

יְשִׁיבָה און פַאר אוּנְזֶערֶע שׁוּלְן, בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס לוֹינְט זִיךְ אָנְצוּהוֹיבְּן דֶעם טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, גָארְנִישְׁט טוּן אֵיידֶער מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת. הוֹיבּ אָן מִיט פִינְף מִינוּט, און נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ צוּלֵייגְן נָאךְ פִינְף מִינוּט און נָאךְ פִינְף מִינוּט. גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, לְכַתְּחִילָה אִין פֶעלְד, (אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען גְרִינְג מְקַיֵּים זַיין דָאס מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְד, אַלֶע וואוֹינֶען אִין פֶעלְדֶער, אַלֶע שְׁטִיבֶער זֶענֶען צְווִישְׁן פֶעלְדֶער), שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דַיין לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם, בֶּעט אִים זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנּוּ", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, "שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דִי וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן; נָאר תּוֹרָה און תְּפִלָּה אִיז תַּכְלִית, נָאר דָאס בְּלַייבְּט, נָאר דָאס נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף אֵייבִּיג.

דִי גַאנְצֶע טָאג, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן - אִיז אַנְדֶערְשׁ אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד.

...

### זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף נִסְיוֹנוֹת, בְּרֶענְגְט נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּחוֹת צוּ זַיין עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג, אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דִי שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת - זֶעט מֶען נִיסִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן כ): "כָּל הַבָּא דְּבַר עֲבֵרָה לְיָדוֹ", דֶער וָואס הָאט אַ נִסָּיוֹן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, "וְאֵינוֹ עוֹשָׂאָהּ", און עֶר טוּט בְּלַייבְּט שְׁטַארְק, עֶר טוּט נִישְׁט דִי עֲבֵירָה, "עוֹשִׂים לוֹ נֵס", מַאכְט מֶען אִים נִיסִים, עֶס לוֹינְט צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן

רֶבִּי'ן, און מִיט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַוְקָא. וֶוען מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן אִיז דֶעמָאלְט אַן 'עֵת רָצוֹן' צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר מַאכְן נִיסִים.

...

### קֵיין אֵיין תַּלְמִיד אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען בֶּעט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיף עֶסְן, אוֹיף קְלֵיידֶער און אַזוֹי וַוייטֶער. אַוַודַאי דַארְף מֶען דֶער עִיקָר בֶּעטְן אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער אוֹיךְ דַארְף מֶען יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלג), דֶער וָואס בֶּעט נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים טַאקֶע אַלֶעס, עֶר הָאט קְלֵיידֶער, פַּרְנָסָה, אָבֶּער דָאס לֶעבְּן אִיז אַזוֹי ווִי דָאס לֶעבְּן פוּן בְּהֵמוֹת, וַוייל אַז מֶען בֶּעט נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "עַל כֵּן כָּל חִיּוּתוֹ הוּא כְּמוֹ חִיּוּת בְּהֵמָה מַמָּשׁ", אִיז דָאס לֶעבְּן ווִי דָאס לֶעבְּן פוּן בְּהֵמוֹת, "כִּי הָאָדָם צָרִיךְ לְהַמְשִׁיךְ כָּל חִיּוּתוֹ וְהִצְטָרְכוּתוֹ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי תְּפִלָּה וְתַחֲנוּנִים דַּוְקָא", נָאר יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי לֵצִים פוּן בְּרֶסְלֶב זָאגְן אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ "דָאס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב", אִיךְ זָאג דִיר, דֶער קְלֶענְסְטֶער תַּלְמִיד אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאט זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם אִין בְּרֶסְלֶב, דוֹק וְתִשְׁכַּח; אַלֶע קֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען לֶערְנְט מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה, אַגָּדָה, חֲסִידוּת, מוּסָר וְכוּ' וְכוּ'.

...

### וָואס קֶען אִיךְ טוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר אוּן דוּ וַוארְסְט אוֹיף קִינְדֶער, דוּ ווִילְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, דוּ פְרֶעגְסְט: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער?"

דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט דַיין פְרַאגֶע (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם", וָואס זָאל מֶען טוּן, "וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים", זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער? "יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים", גֶעבְּן צְדָקָה, גֶעבְּן גֶעלְט פַאר אָרֶעמֶעלַייט, "וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ לִפְנֵי תַּשְׁמִישׁ", אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; מוֹהֲרַ"ש הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז מֶען וֶועט גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל - וֶועט מֶען זֶען אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע יְשׁוּעוֹת, אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט וָואס אִיז אוֹיבְן גֶעשְׁרִיבְּן; פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ.

...

### דִי וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה, הָאבְּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיטְן גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן; עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה - דִי הָאבְּן אַלֶעס, סַיי דִי וֶועלְט אוּן סַיי יֶענֶע וֶועלְט, סַיי פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, סַיי דִי זְכוּתִים זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, מֶען אִיז מְתַקֵּן אַלֶע פְּגָמִים, עֶס אִיז אַ תִּיקוּן גָּמוּר אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוּן מֶען אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

יֶעצְט קוּמְט דִי וַוארֶעמֶע טֶעג, דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזּוּק אוֹיף דִי אוֹיגְן;

זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים "חִיזּוּק פַאר דִי אוֹיגְן", סַיי אִין אִידִישׁ, לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ און אַזוֹי וַוייטֶער.

הַאלְט חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל שָׁעָה דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, און וֶוען מִיר וֶועלְן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּ"ן - זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן דֶעם רֶבִּ"ן.

...

## אוֹיסְרִימֶען דִי וַוייבּ מִיט אִיר אֵיידְלְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר, אַז דוּ לֶערְנְסְט, בִּיסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה און דוּ דַאוֶוענְסְט דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן; מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט, דָאס אִיז דֶער עִיקָּר פוּן אַ אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער טוּן, נָאר דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיסְלוֹיבְּן דַיין וַוייבּ מִיט אִיר אֵיידְלְקֵייט און מִיט אִיר אֵיידֶעלֶע וֶועג וִוי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן. אִיךְ וֵוייס דִי בְּלוּט קָאכְט דִיר, אִיךְ וֵוייס דוּ הַאלְסְט עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דָאס נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט און חָשׁוּב, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁלֶעפּ נִישְׁט אַרָאפּ אִיר צְנִיעוּת, מַאךְ אִיר נִישְׁט אוֹיסְטוּן אִיר שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע וֶועג וִוי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן. וֶועסְט זֶען נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אַז אֵיידְלְקֵייט אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, אֵיידְלְקֵייט הֶעלְפְּט הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן. אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֶעס שְׁרַייבְּן, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר גְלֵייבְּן וָואס אִיךְ זָאג דִיר, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְט בִּיז אַהֶער; נִישְׁט דִיר און נִישְׁט קֵיינֶעם. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט: "קֶענְסְט זִיךְ בַּארִימֶען הָאסְט קֵיינֶעם נִישְׁט אָפְּגֶענַארְט, אֲפִילוּ דִי תַּלְמִידִים וָואס גֵייעְן אַוֶועק פוּן דִיר - הָאסְטוּ נִישְׁט אָפְּגֶענַארְט, אוֹיבּ עֶפֶּעס – הָאסְטוּ זֵיי מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וְכוּ'", און אִיךְ וֶועל דִיר וַוייטֶער נִישְׁט פַארְפִירְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיסְרִימֶען דַיין וַוייבּ מִיט אִיר אֵיידְלְקֵייט, אוּן אַז דִי בְּלוּט קָאכְט - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא מִיט מִשְׁנָיוֹת אוּן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת.

דִי וָואס מֵיינֶען אַז דִי וַוייבּ וֶועט גֵיין קוּרְצֶער, שְׁמָאלֶער, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן - דָאס פֶּעלְט זֵיי, אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זִיךְ בַּארוּאִיגְן - דִי הָאבְּן אַ טָעוּת; עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס בַּארוּאִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס מַאכְט נִישְׁט זַאט, אֵיין זַאךְ מַאכְט זַאט - תּוֹרָה אוּן נָאכְאַמָאל תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס, אִיךְ וִויל זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן נָאנְט.

...

## לָאז אַלֶעס קְרַאכְן, אוּן גֵיי דַאוֶוענֶען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ד אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

נָאר מִיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב קֶען מֶען הָאבְּן עֲשִׁירוּת, אָן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת הָאט מֶען גָארְנִישְׁט; חָלוֹם נִישְׁט פוּן מַצְלִיחַ זַיין אָן דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת.

זַיי שְׁטַארְק ווִי אַ לֵייבּ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאוֶוענֶען - לָאז אַלֶעס אָפּ, לָאז אַלֶעס קְרַאכְן, שְׁטוּפּ נִישְׁט אָפּ דָאס דַאוֶוענֶען פַאר גָארְנִישְׁט. נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין בִּיזְנֶעס, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב זָאל זַיין אַ חֵלֶק פוּן דַיין בִּיזְנֶעס, פוּן דַיין לֶעבְּן; וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

## אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטֶעטְל, מִיט אַלֶע טַעֲמִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ה אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטֶעטְל, וֶוען אִיךְ בִּין

אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדֶערפְרִי בִּין אִיךְ עֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי נַייעֶ בִּנְיָן אִין מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים, קוּקְן ווִי דִי אַרְבֶּעט הַאלְט אוּן צוּ מַאכְן דִי פְּלֶענֶער פַארְן זוּמֶער הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, דִי יְשִׁיבָה הָאט אַלֶע טַעֲמִים; דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג, פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ פוּן דִי וָואכְנְדִיגֶע סֶדְרָה, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט, דִי דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ חַיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע מַחֲלֹקֶת אוֹיף דִי יְשִׁיבָה, אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶער יְשִׁיבָה פַאר קַיין שׁוּם יְשִׁיבָה; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי, דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען פוּל מִיט חַיוּת, מִיט שִׂמְחָה; עֶס אִיז אַ חִידוּשׁ אִין עוֹלָם הַיְשִׁיבוֹת צוּ גֶעפִינֶען פְרֵיילִיכֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן לִיבּ דַאוֶוענֶען, לִיבּ לֶערְנֶען, לִיבּ צוּ טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן פַּת שַׁחֲרִית מִיט דִי בָּחוּרִים, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט שֵׁיינֶע זַאכְן, אַלֶעס גֶעפְלָאכְטְן מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

נָאכְן דַאוֶוענֶען בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא, אוֹיךְ אִין אָפִיס בִּין אִיךְ גֶעוֶוען. דִי אָפִיס אִיז יֶעצְט אִין אַ מַצָּב וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית כה): "מִי שֶׁאָמַר לַשֶּׁמֶן וְיִדְלוֹק, הוּא יֹאמַר לַחֹמֶץ וְיִדְלוֹק", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס מַאכְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען - קֶען מַאכְן עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען; דִי נִסִּים וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אָפִיס - אִיז שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, וֶוען אִיךְ קוּק צוּרִיק אוֹיף דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אוּנְז - גֶעבְּט מִיר דָאס כֹּחוֹת צוּ גֵיין וַוייטֶער. אִיךְ דַארְף הָאבְּן אוֹיף דִי וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג נַיינְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ בַּאצָאלְן נָאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, נָאךְ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ בַּאצָאלְן וֶוענְדָארְס אוּן אִין בַּאנְק אִיז דָא אַ מֵיינוּס פוּן זֶעקְס טוֹיזְנְט דָאלֶער; וֶועסְטוּ פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי גֵיי אִיךְ אָן, וָואס אִיז דִי פְּלַאן? דִי פְּלַאן אִיז נָאכְמַאָל צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים נָאכְמַאָל בֶּעטְן, אוּן עֶר וֶועט אוּנְז וַוייטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן דִי בֵּית הַדְּפוּס; וָואס דָארְט טוּט זִיךְ

אָפּ... זיצְן אִינְגֶעלַייט, אֵיינֶער פִּירְט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת, אַ צְוֵוייטֶער אִיז מַגִּיהַּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אַ דְרִיטֶער אִיז מַגִּיהַּ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אַ פֶערְטֶער שְׁרַייבְּט דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע בְּלֶעטְל 'קְרְיַת בְּרֶסְלֶב', אַ פִיפְטֶער מַאכְט דִי קוֹל בְּרֶסְלֶב הַאטְלַיין; אַ גַאנְצֶע בִּנְיָן וָואס שְׁטֵייט נָאר פַאר אֵיין סִיבָּה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי מִיט עֵצוֹת וָואס קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, יֶעדֶער קֶען אָנְקוּמֶען צוּ זַיין אַ צַדִיק.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי אָפִּיס פוּן דִי כּוֹלֵל, דָארְט דַארְף מֶען אוֹיךְ נִיסִים צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, אוּן פוּן דָארְט בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי יְשִׁיבָה אוּן גֶעדַאוֶועֶנְט מִנְחָה, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט זֵיי, גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּיטֶערְלִיךְ גֶעוֵויינְט אַז אִירֶע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, יֶעצְט הָאט אִיר זוּן זִיךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי פֵּיאוֹת, אוּן דִי צַעַר גִּדּוּל בָּנִים וָואס זִי גֵייט אַדוּרְךְ; הָאט אִיר דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן גֶעפְרֶעגְט: "אִיר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אִינְדֶערְפְרִי?" דִי פְרוֹי אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן פַאר בּוּשָׁה אוּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זִי גִיסְט נִישְׁט אָפּ קַיין נֶעגְל וַואסֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "דֶעמָאלְט וָואס ווילְט אִיר פוּן מִיר? אַז מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בְּלַייבְּט דִי טוּמְאָה פוּן בַּיינַאכְט אוֹיף דִי הֶענְט אוּן וָואס מֶען כַאפְּט אָן וֶוערְט טָמֵא, דֶערִיבֶּער אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט אַ רוּחַ טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיר אַלֵיין הָאט זִיךְ גוֹרֵם גֶעוֶוען דִי צָרוֹת?" מִיר הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט אַלְץ אַ חִיזוּק פַאר דִי פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן זַיין נִזְהָר אִין מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין, אוּן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְן זֵיי נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִּיל אִין רֶבִּי'ן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי שְׁרַיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִּיל אִין רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ פֵּייגְלֶעךְ אִין קָאפּ, אִיךְ וִויל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מִיט מִיר? אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן מַיינֶע חֲטָאִים, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פַארְשְׁטֵייעֶר, אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אוּן פַארְשְׁטֵיי שׁוֹין, אִיךְ פְרֶעג 'פַארְוָואס רֶעדְט מֶען אַזוֹי?' אוּן 'פַארְוָואס טוּט מֶען אַזוֹי?' הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר?"

...

**אָן הִתְבּוֹדְדוּת, קוּמְט מֶען צוּ כְּפִירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ה אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

יֶעצְט קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים, וֶוען מֶען קוּמְט צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן 'עַד דְלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי', וָואס צַדִיקִים זָאגְן אַז דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן עוֹלָם הַבָּא, וָואס וֶועט זַיין כּוּלוֹ הַטוֹב וְהַמֵּטִיב; פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ אַזַא קְדוּשָׁה, מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן טוֹב אָדֶער רַע, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אוּנְז, מִיר זָאלְן אַ גַאנְץ יָאר לֶעבְּן מִיט דֶעם, אַ גַאנְץ יָאר זָאלְן מִיר לֶעבְּן מִיט אַ קְלָארֶע שְׁטַארְקֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, אָן הִתְבּוֹדְדוּת קוּמְט מֶען צוּ כְּפִירָה, מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שְׁמוֹנֶה בְּגָדִים אוּן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "פוּן דִי בְּרֵייטֶע אַרְבַּל רִינְט מִינוּת

וּכְפִירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", נָאר אַז מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט רֵיינֶע הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת.

...

**דִּי אַרְבֶּעט וָואס דִּי אָפִּיס לֵייגְט אַרַיין דִּי מוֹסָד זָאל אָנְגֵיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ה אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען בַּאזוּכְן אִין שְׁטֶעטְל פוּן פַארְטָאגְס בִּיז אוֹיף דֶער נַאכְט, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר, יְשִׁיבָה, בֵּית פֵּיגָא אוּן אִין אָפִּיס, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן מִיט דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין אָפִּיס, מִיטְן אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר, מִיטְן מְנַהֵל אוּן דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן זַאכְן אַרְבֶּעטְן בֶּעסֶער.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל וַוייטֶער בְּלַייבְּן הֶעלְפְן אִין אָפִּיס, זִי טוּט אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, אַ גָאר גוּטֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן וָואס טוּט זִיךְ אוּנְטֶערְן וָוארְט ׳חֵדֶר׳, אוּנְטֶער דִי וָוארְט ׳בֵּית פֵּיגָא׳, דִי אַפֶּערֶעישְׁן וָואס דִי אָפִּיס שְׁטֶעלְט אַהֶער, אַז דִי מוֹסָד זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין.

גֶעבּ אִיר אִיבֶּער אַז מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִי אַרְבֶּעט וָואס זִי לֵייגְט אַרַיין טָאג טֶעגְלִיךְ, וּבִזְכוּת הַמִּצְוָה הַזֹּאת זָאלְן עֶנְק זֶען יְשׁוּעוֹת, בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי, גֶעזוּנְט, אוּן מִיט שִׂמְחָה.

בְּרוּדֶער, אִינְדֶערְפְרִי גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הוֹיבּ אָן דִי טָאג מִיט אַ שְׁפַּאצִיר, הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן זָאג אַרוֹיס אַפָּאר וֶוערְטֶער, אַלֶעס וֶועט דִיר גֵיין גְרִינְגֶער.

...

### אַז מֶען גְלַייכְט מֶער דִי שְׁטָאט, זָאל מֶען דָארְט וואוֹינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ה אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס גְלַייכְן בֶּעסֶער צוּ וואוֹינֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס גְלַייכְן בֶּעסֶער צוּ וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט; אַז אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט צוּ וואוֹינֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט - זָאלְט אִיר קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט. דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר, זַייט עֶנְק וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל שְׁרַייבְּט אִיר יֶעדֶע וָואךְ אַז עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער דִי סָארְט לֶעבְּן פוּן זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט; אִיךְ זֶע אִיר גְלַייכְט מֶער דִי שְׁטָאט, אִיז רִיכְטִיג אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען אִין שְׁטָאט.

מִיר הָאבְּן אִין שְׁטָאט אוֹיךְ מוֹסְדוֹת, אִיר וֶועט קֶענֶען שִׁיקְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אִין דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶ מוֹסְדוֹת אִין שְׁטָאט אוּן קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין אִינְמִיטְן טָאג, זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן פַארְשְׁפַּארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאגְן דֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת וָואס לִיגְט אוֹיפְ׳ן הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ה אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

זוּנְטָאג אִיז גֶעוֶועז בַּיי מִיר מִשְׁפַּחַת ..., זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דֶעם מְלַמֵּד ..., זֵיי זָאגְן זֵיי קוּקְן אָן וִוי מֶען דַארְף דוּרְכְשְׁטוּפְּן דִי יָאר, זֵיי וָואלְטְן וֶועלְן צוּרִיק גֶעלֵייגְט זֵייעֶר קִינְד אַ כִּתָּה אַרָאפּ, צוּ זַיין פַארִיגֶערִיגֶער מְלַמֵּד.

אִיךְ הָאבּ זֵיי פַארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זֵיי רֶעדְן נִישְׁט צוּם מְנַהֵל; עֶפֶּעס אַ פַּחַד, אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פַּחַד לִיגְט אִין זֵיי, אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן רֶעדְן אוּן זָאגְן וָואס שְׁטֶערְט זֵיי, וֶועט דָאס הֵייסְן זִיךְ אָפְּרֶעדְן. אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט מֶען מוּז רֶעדְן, מֶען מוּז זָאגְן דֶעם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת יֶעדֶע זַאךְ

וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ וָואס אִיז נוֹגֵעַ דִי קִינְדֶער, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען בֶּעסֶער מַאכְן.

זֵיי זָאגְן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶערֶעדְט מִיט דִיר אָבֶּער נָאכְן רֶעדְן וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט אוֹיב זֵיי רֶעדְן שְׁטוּתִים אָדֶער זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט, דֶערִיבֶּער רֶעדְן זֵיי נִישְׁט.

עֶפֶּעס דַארְף מֶען מַאכְן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן יָא וֶועלְן רֶעדְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס לִיגְט זֵיי אוֹיפְן הַארְץ, זֵיי גֶעבְּן דִי גוּטֶע גֶעפִיל אַז מֶען וִויל נָאר מַאכְן גוּט, אוּן אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן - דַארְף מֶען מוֹדֶה זַיין עַל הָאֱמֶת אוּן פַארְרֶעכְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, הוֹיבּ אָן דֶעם טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ מוּז אָנְהוֹיבְּן דֶעם טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן זִיכֶער אֵיינֶער וָואס הָאט אוּנְטֶער זִיךְ אַ מוֹסָד, צֶענְדְלִיגֶע מְלַמְּדִים מִיט הוּנְדֶערְטֶער קִינְדֶער, וִוי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְוַוייגְן צוּצוּגֵיין צוּ אַזַא זַאךְ אָן הִתְבּוֹדְדוּת, אָן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר פַאר צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט אוּן אוֹיפְהֵייבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דַאנְקֶען פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן אִים בֶּעטְן פַאר הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַלֶעס זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אַרוּם דִי קִינְדֶערְ'ס סֵדֶר הַיוֹם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ה אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן זֵייעֶר וואוּיל צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה, אָבֶּער נָאךְ הֶעכֶער אוּן נָאךְ וִויכְטִיגֶער פַאר אַ מַאמֶע אִיז צוּ זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין צֵייטְלִיךְ אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ קִינְדֶער זָאלְן קוּמֶען שְׁפֶּעט.

שְׁטֶעלְט אוֹיס אַייעֶר טָאג אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אַרוּם דִי קִינְדֶערְ׳ס סֵדֶר הַיוֹם; צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז מֶען ווִיל גֵיין בַּאזוּכְן עֶלְטֶערְן, מֶען ווִיל גֵיין בַּיינַאכְט - דַארְף מֶען טְרַאכְטְן עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, אָבֶער דִי קִינְדֶער דַארְפְן גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אוּן זַיין אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע צַייטְלִיךְ, אוּן אוֹיב מֶען שְׁלֶעפְּט קִינְדֶער בַּיינַאכְט צוּ עֶלְטֶערְן אָדֶער צוּ מְלַוֶה מַלְכָּה׳ס - אִיז יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ, עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי וַוייבְּלֶעךְ וָואס ווִילְן מִיטְהַאלְטְן זוּמֶער דִי מְלַוֶה מַלְכָּה׳ס, אַז דָאס אִיז גוּט פַאר דִי יוּנְגֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קִינְדֶער צוּ שִׁיקְן אִין חֵדֶר, אָדֶער פַאר עֶלְטֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער, אָדֶער מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נָאר טֶעכְטֶער אוּן בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּלֶע זוּנְטָאג - דִי קֶענֶען פְּרַאוֶוען מְלַוֶה מַלְכָּה׳ס עַד עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אָבֶער דִי וָואס הָאבְּן קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אִין חֵדֶר - דִי דַארְפְן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער צַייטְלִיךְ, דָאס מֵיינְט אַ גוּטֶע מַאמֶע, אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּב.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיט הֲפָצָה; אַלֶעס אִיז פֵיין, אַלֶעס אִיז חָשׁוּב, אַלֶעס אִיז גֶעוַואלְדִיג, אָבֶער אַז מֶען הָאט קִינְדֶער - דַארְף זִיךְ אַלֶעס דְרֵייעֶן אַרוּם דִי קִינְדֶערְ׳ס סֵדֶר הַיוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, בְּלַייבְּט מֶען בַּיים צַדִיק**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל, כ״ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, אַ גוּטֶער חָבֵר מֵיינְט מֶען אֵיינֶער וָואס הָאט אַ תְּמִימוּת אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּן

לֵיצָנוּת. אַ גוּטֶער חַבֵר אִיז נִישְׁט דִי לְבוּשׁ; אַזַא הוּט, אַזַא גַארְטְל, אַזַא זָאקְן; אַ גוּטֶער חַבֵר אִיז אֵיינֶער וָואס אִיז וַוייט פוּן לֵיצָנוּת.

גֶעב זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט, אַ חָסִיד שֶׁנָּפַל אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער חַבֵר, אַ "חָסִיד שֶׁנָּפַל" - זָאגְט דֶער רֶבִּי אַ שַׁארְפֶע לָשׁוֹן - "גָּרוּעַ מִמְּשׁוּמָד", אַ פַּחַד פוּן אַ לָשׁוֹן. רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט עֶס כַּמָּה פְּעָמִים (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הֲלָכָה ז׳, אוֹת נב): "וְלֹא יִהְיֶה מֵהַחֲסִידִים הַנְּפוּלִים שֶׁהֵם גְּרוּעִים מִמְּשׁוּמָדִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן", אוֹיךְ אִין הִלְכוֹת שְׁלוּחִין (הֲלָכָה ה׳, אוֹת יז): "מַה שֶּׁקּוֹרִין חֲסִידִים נְפוּלִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, שֶׁזֶּה גָּרוּעַ מֵהַכֹּל, כְּמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ".

בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלְץ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן פוּן דִי אֵיין זַאךְ, פוּן לֵצִים. וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַלְץ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִי וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם, מִיט יֶענֶעם, מִיט לֵיצָנוּת; אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט דִי תְּמִימִים, דָאס אִיז דִי סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אָנְקְנִיפְּן אוּן בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעפֶּעלְט דִי פְּרוֹי?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טוּ אַלֶעס פַאר דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זַיי מְוַתֵּר, זוּךְ שָׁלוֹם אוּן זַיי דֶער וָואס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה צוּ זַיין אַ מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ו) אֵיינֶע פוּן וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוֹנֶה זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז "הַמַּכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ", וִויסְן דִי גַאנְצֶע אֱמֶת אוֹיף זִיךְ, אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס. בִּפְרַט נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען דִי קְלִיפּוֹת קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ מִיט דִי דִמְיוֹנוֹת, זֵיי לֵייגְן אַרַיין אַ דִבּוּק אִינֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען

טְרַאכְט 'וָואס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעפֶּעלְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דִי פְּרוּי'... אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט הָאבְּן בֶּעסֶערְס, אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ לַיידְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן', וֶוען דִי רוּחוֹת רָעוֹת קוּמֶען אוּן ווילְן פַארְכַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זֵייעֶרֶע טֻמְאוֹת, מִיט דִי טְרֵיפָה'נֶע מַחֲשָׁבוֹת 'אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אִיז וָואס דארְף אִיךְ זַיין מִיט אַזַא נַארִישֶׁע פְּרוֹי', אִיךְ קֶען וֶוען הָאבְּן סַאךְ בֶּעסֶערְס אוּן סַאךְ שֶׁענֶערְס'; דֶעמָאלְט דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם צַדִיק זָאל דֶערְמַאנֶען: 'וֶוער בִּיסְטוּ? וָואס פַארְקוּיפְסְטוּ?' אוּן זַיין אַ מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ, זִיךְ קֶענֶען גוּט אָפְּלֶערְנֶען, וְויסְן 'וִוי נִידְרִיג אוּן נַארִישׁ בִּין אִיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן מִיךְ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אִיךְ בִּין אַסַאךְ וֶוייניגֶער וִוי מַיין וַוייבּ', אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אִיתְּתָךְ גּוּצָא" אַז דַיין וַוייבּ אִיז קְלֵיין, "גְּחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", וִוי רַשִׁ"י זָאגְט: "כָּפוּף עַצְמְךָ וּשְׁמַע דְּבָרֶיהָ", בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר אוּן הֶער אִיר אוֹיס; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיט חֲבֵרִים אַ שָׁאד צוּ רֶעדְן, מִיט דִי וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דִי יוּנְגֶע יָארְן - אַז מֶען נוּצְט אוֹיס אוֹיף תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַסַאךְ מֶער וִוי אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, אֵיין טָאג אַלְס אִינְגֶערְמַאן אִיז וִוי אַ גַאנְצֶע יָאר אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן צַייט יֶעדְן אוֹיף דֶער נַאכְט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַן אֵשֶׁת חַיִל, זִי אִיז פוּל מִיט גֶעטְלִיכְקֵייט, זִי אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אִיר קָאפּ אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי וִויל אָבֶּער אַבִּיסְל חִיזוּק פוּן דִיר, אוּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. גְרֵייט זִיךְ אָן

עֶפֶּעס וָואס צוּ שְׁמוּעֶסְן, דֶערְצֵייל אִיר דַיין סֵדֶר הַיּוֹם, וִוי דַיין טָאג אִיז גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט, עֶס טוּט אִים וֵוייא אַז עֶר הָאט נָאךְ דִי חֲתוּנָה נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז צוּ שְׁמוּעֶסְן אַבִּיסְל מִיט דִי וַוייבּ, נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט עֶר זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, אוּן וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים עֶפֶּעס גֶעפְרֶעגְט, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נָא נָא", אַזוֹי וִוי מֶען עֶנְטְפֶערְט אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען וואוּ מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן, מֶען וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער אוֹיפְן מוֹיל אוּן מֶען בְּרוּמְט "נָא נָא"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט דִי סְפָרִים אֲשֶׁר בַּנַּחַל - וָואלְט אִיךְ גֶעווּאוּסְט פוּן הַתְמָדָה, אוּן אַז דִי וַוייבּ קוּמְט שְׁמוּעֶסְן - שְׁמוּעֶסְט מֶען, אַזוֹי קֶען מֶען נָאכְדֶעם נָאךְ מֶער לֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת צט.): 'בִּטוּלָהּ שֶׁל תּוֹרָה, זֶהוּ קִיּוּמָהּ'".

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַסַאךְ יָארְן צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין מַיין גְרוֹיסֶע זֵיידֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין מִירוֹן, זַיין הַתְמָדָה אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אֵין לְשַׁעֵר, עֶר הָאט נִישְׁט מְבַטֵּל גֶעוֶוען קַיין רֶגַע פוּן לֶערְנֶען, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בֶּעט, עֶר הָאט נָאר אַבִּיסְל גֶעדְרִימְלְט אוֹיפְן בֶּענְקְל, עֶר אִיז גֶעזִיצְן שָׁעוֹת אוּן גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאךְ הָאט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעמַאכְט צַייט צוּ רֶעדְן מִיט מַיין בַּאבֶּע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, דֶעמָאלְט אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען סֶעלְפָאוֹנְס, אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער דִירָה אִין מִירוֹן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין טֶעלֶעפָאן, זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּם טֶעלֶעפָאן; אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַעֲרָה אִיז גֶעוֶוען אַ טֶעלֶעפָאן, אַ פָּאבְּלִיק טֶעלֶעפָאן, מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוּן גֶערוּפְן קַיין אַמֶערִיקֶע, אוּן מַיין זֵיידֶע הָאט גֶעפְרֶעגְט מַיין בַּאבֶּע וָואס זִי מַאכְט, אוּן עֶר הָאט אַלְץ גֶעהַאט עֶפֶּעס צוּ דֶערְצֵיילְן, פוּן דִי וֶועטֶער אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן פוּן דָארְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען.

מִיט חֲבֵרִים אִיז אַ שָׁאד צוּ רֶעדְן, אָבֶּער מִיט דִי וַוייבּ - דַארְף מֶען רֶעדְן, בִּפְרַט מִיט אַ וַוייבּ וָואס אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵייא אוּן וִויל נָאר רוּחָנִיּוֹת, דַארְפְּסְטוּ זִיכֶער רֶעדְן.

### אַרַיינְגֶעטוּן אִין לֶערְנֶען אוּן שְׁמוּעֶסְט נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁטָא גְלִיקְלִיכֶערְס פוּן דֶעם, גְלִיקְלִיךְ אִיז דִי פְרוֹי וָואס אִיר מַאן לֶערְנְט בְּהַתְמָדָה.

אִיךְ וֶועל מְחַזֵק זַיין אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל מַאכְן צַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אַייךְ, עֶר אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין לֶערְנֶען, עֶר כַאפְּט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן שְׁמוּעֶסְן, אַז דָאס מֵיינְט אַסַאךְ פַאר דִי וַוייבּ, אִיךְ וֶועל אִים מְחַזֵק זַיין אִין דֶעם פְּרַט.

נָאכְמָאל, מִיט דִי זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ, אַז עֶנְק שְׁמוּעֶסְן וֵויינִיג וַוייל עֶר לֶערְנְט אוּן לֶערְנְט; זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקֶען אַז גָארְנִישְׁט אִין דִי וֶועלְט אִיז בֶּעסֶער פוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ מַאן וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### אַז מֶען רֶעדְט צוּ אַ פְרֶעמְדְן, שְׁטֶערְט עֶס דִי שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ו אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי דוּ זָאלְסְט צוּפִיל רֶעדְן מִיט דַיין שְׁוֶועגֶערִין. אִיךְ וֵויִיס דוּ ווִילְסְט אִיר נָאר הֶעלְפְן, דוּ מֵיינְסְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, זִי גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייט, זִי לַיידְט פוּן אִיר מַאן; דָאךְ אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּפִיל צוּ רֶעדְן מִיט אִיר, וַוייל דִי טֶבַע פוּן אַ פְרוֹי אִיז אַז זִי דַארְף צוּ אֵיינֶעם רֶעדְן אוּן אֵיינֶער זָאל אִיר גֶעבְּן דִי גֶעפִיל וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַז דוּ הֶערְסְט אִיר אוֹיס שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, קֶען זַיין אַז דָאס אַלֵיין אִיז דֶער גוֹרֵם זֵיי זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן.

דָאס אִיז דֶער חוּרְבָּן פוּן טֶעלֶעפָאנְעס; מֶענְטְשְׁן צָאלְן גֶעלְט פַאר טֶעלֶעפָאנְעס, נִישְׁט נָאר עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, נָאר דָאס מַאכְט דִי חוּרְבָּן, עֶס לָאזְט נִישְׁט מַאן אוּן וַוייבּ וֶוערְן אֵיינְס, עֶס לָאזְט נִישְׁט עֶלְטֶערְן מִיט קִינְדֶער זַיין אוֹיף דִי גֶעזוּנְטֶע וֶועג, מֶען נֶעמְט דִי חַיוּת, דִי סִיפּוּק – פוּן רֶעדְן צוּ אַ פְרֶעמְדֶער אוּן צָאלְן גְרָאבּ גֶעלְט הַשֵּׁם יְרַחֵם.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מִיט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט מֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה, הַיינְט זָאגְן מִיר יוֹם כִּיפּוּר קָטָן; זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְ׳גַנְבְ׳עֶנֶען פוּן דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, זִיךְ טְרֶעפְן אַ ווִינְקְל אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר״.

וֶוען מֶען רֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען זָאגְט: ״אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט״ – וֶוערְט מֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר אִין אוּנְזֶער שׁוּל אִין סְטֶעטְן אֵיילֶענְד, אִיךְ ווִיל מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן סְטֶעטְן אֵיילֶענְד.

דִי וָואךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, שַׁבָּת מְבָרְכִים אֲדָר ב׳, שַׁבָּת שְׁקָלִים – וֶועל אִיךְ זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאךְ אִיר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, בִּיז זִי וֶועט דִיךְ טְרַייבְּן צוּם לֶערְנֶען**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אַז דַיין וַוייבּ וויל נִישְׁט זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין לֶערְנֶען, זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, אִיז רִיכְטִיג אִיר מְפַיֵּיס זַיין מִיט שֵׁיינֶע רֵייד, בִּיז זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ גֵייסְט לֶערְנֶען, זִי וֶועט דִיךְ טְרַייבְּן צוּם לֶערְנֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט נֶעלָם וֶוערְן פוּן שְׁטוּבּ מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, עֶר הָאט גֶעהַאט זַיין וֶועג פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט, דָאךְ אִיז עֶר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אָן רְשׁוּת, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זִיסֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ זַיין וַוייבּ זִיסֶע וֶוערְטֶער, בִּיז זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין לֶערְנֶען", אוּן וֶוען דִי שְׁכֵנוֹת הָאבְּן אִיר אָנְגֶעהֶעצְט, מֶען הָאט אִיר גֶעזָאגְט זִי אִיז אַ רַחְמָנוּת, זִי הָאט נִישְׁט קַיין מַאן, פְלֶעגְט זִי נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם צַדִּיק עֶר זָאל מֶער נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן שְׁטוּבּ, אָבֶּער רֶבִּי אַבְרָהָם - מִיט חָכְמָה - הָאט אִיר מְפַיֵּיס גֶעוֶוען בִּיז זִי הָאט אִים וַוייטֶער גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען, אָבֶּער דָאס מוּז גֵיין מִיט רְשׁוּת; דַארְפְסְט אִיר מְפַיֵּיס זַיין, אִיר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מַאכְן - בִּיז זִי וֶועט דִיךְ טְרַייבְּן צוּם לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**חַזֶר'ן דִי עִבְרִי מִיטְן קִינְד, מִיט אַ גְלֶעט און שְׁמֵייכְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט דַיין כִּתָּה א' אִינְגְל יֶעדְן טָאג דִי עִבְרִי וָואס דֶער מְלַמֵד שִׁיקְט אַהֵיים.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס גֶעבְּן אַוֶועק דִי קִינְדֶער פַאר דִי בִּיזְנֶעס, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר און מֶען הָאט גָארְנִישְׁט, נִישְׁט קַיין בִּיזְנֶעס און נִישְׁט קַיין דוֹרוֹת, דִי קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי גֶעדֶענְקֶען גוּט ווִי אַלֶע יָארְן זֶענֶען זֵיי גָארְנִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי בִּיזְנֶעס.

אִיךְ בֶּעט דִיר בְּכָל לָשׁוֹן שֶׁל בַּקָּשָׁה, גֶעב אַוֶועק צַייט פַאר דַיין כִּתָּה א' אִינְגְל, חַזֶר מִיט אִים דִי עִבְרִי וָואס דֶער מְלַמֵד שִׁיקְט אַהֵיים; נִישְׁט פַארְהֶער אִים און שְׁלָאג אִים, נָאר חַזֶר מִיט אִים; יֶעדֶע אוֹת וָואס עֶר זָאגְט גוּט - גֶעב אִים אַ גְלֶעט, אַ שְׁמֵייכְל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר דֶעם מְלַמֵד פוּן דַיין זוּן; וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען אֵיין טָאג מְלַמֵד - וָואלְסְטוּ אַנְדֶערְשׁ גֶעקוּקְט אוֹיף דִי מְלַמְדִים, אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערְן וָואס בַּאדַאנְקֶען זִיךְ פַאר דִי מְלַמְדִים און גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי מְלַמְדִים - ווֵייסְן נִישְׁט וָואס אַ מְלַמֵד אִיז.

פַּרְנָסָה דַארְף מֶען בְּרֶענְגֶען, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער פוּן דַיין בִּיזְנֶעס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן, עֶס אִיז אוֹיף כַּפָּרַת עֲוֹנוֹת, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן פַאר דִי זִינְד; פוּן דַיינֶע קִינְדֶער וֶועט בְּלַייבְּן דוֹרוֹת, און אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי - וֶועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע דוֹרוֹת מִיט אַסַאךְ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אִינְטֶערְנֶעט אִין מְלַמְּדִים שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ז אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער מוֹסְדוֹת קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אִינְטֶערְנֶעט בַּיי דִי מְלַמְּדִים שְׁטוּבּ, און אויב מֶען קֶען נָאר הָאבְּן בִּיכְלֶעךְ מִיט צֶעטְלֶעךְ אויף דֶעם וֶועג - לוֹינְט עֶס נִישְׁט; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין בִּיכְלֶעךְ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין צֶעטְלֶעךְ, מִיר אִיז גוּט יֶעדֶער מְלַמֵּד זָאל זִיךְ אַלֵיין מַאכְן מִיט אַ פֶּען הֵיימִישֶׁע צֶעטְלֶעךְ, וִוי אֵיידֶער עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערְנֶעט בַּיי דִי מְלַמְּדִים.

אִיךְ בִּין גֶעוֶועץ יָארְן אַ מְלַמֵּד און יֶעדֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט צֶעטְלֶעךְ, בִּיכְלֶעךְ, שְׁאֵלוֹת וְכוּ׳, אַלֶעס גֶעמַאכְט הֵיימִישׁ מִיט אַ בְּלֵיי און פֶּעדֶער.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט דִיר, עֶס לוֹינְט מִיר נִישְׁט דִי גַאנְצֶע עֵסֶק, לָאז דִי מְלַמְּדִים בְּלַייבְּן רֵיין און הֵיילִיג.

דִי אַחְרָיוּת לִיגְט אויף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אִיךְ אַלֵיין בִּין נָאר הַאלְבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, שְׁקָלִים, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ח אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיר שְׁרַייבְּט מִיר בְּרִיוו אַז עֶנְק בֶּענְקֶען זִיךְ שְׁטַארְק, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ מֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק שׁוֹין זִיךְ טְרֶעפְן מִיט עֶנְק, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט עֶנְק.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר שַׁבָּת שְׁקָלִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת צִיצִית הֲלָכָה ז,

אות ט) : "כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּעַצְמוֹ הוּא רַק בְּחִינַת מַחֲצִית וְאֵין לוֹ שְׁלֵימוּת כִּי אִם עַל יְדֵי שֶׁנִּצְטָרֵף לַחֲבֵירוֹ", אַ אִיד פַאר זִיךְ אִיז נָאר הַאלְבּ, מֶען וֶוערְט נָאר גַאנְץ דוּרְךְ זַיין מִיט אַ חָבֵר, מִיט נָאךְ אִידְן, דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, מֶען מוּז זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אַלֵיין; שָׁלוֹם אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אוּן מַחֲלֹקֶת אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל נָאר מַחֲלֹקֶת, פַיינְטְשַׁאפְט, דָאס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ס' (זֶעכְצִיג) מ' (פֶערְצִיג), מֶען זָאל טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין מֶער, יֶענֶער אִיז וֶוינִיגֶער'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט אַזוֹי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַלֶע זָאלְן זַיין בְּאַחְדוּת, יֶעדֶער זָאל טְרַאכְטְן 'אִיךְ אַלֵיין בִּין נָאר הַאלְבּ, אִיךְ מוּז זַיין מִיט אַנְדֶערֶע'.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט - דַארְף מֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן אַלְץ וִויסְן 'אִיךְ בִּין הַאלְבּ, אִינְאֵיינֶעם מִיט מַיין וַוייבּ זֶענֶען מִיר גַאנְץ', אוּן אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן - וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה; דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי פָּרְשָׁה.

אִיךְ וִויל עֶנְק בֶּעטְן עֶנְק זָאלְן אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי, פוּן אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת - קֶענֶען מִיר דָאס נִישְׁט הַאלְטְן נָאר פַאר זִיךְ, מֶען מוּז מְזַכֶּה זַיין אַנְדֶערֶע אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִי עֵצוֹת, מִיר דַארְפְן טְרַאכְטְן 'וָואס וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעלֶעבְּט, וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט אֵיינֶער זָאל קוּמֶען אוּן מִיר גֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס, אַ סֵפֶר, אַ גִּלְיוֹן, אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי צוּ לֶעבְּן, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אַ וֶועג פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אַ וֶועג וִוי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער; דַארְף אִיךְ דָאס טוּן פַאר אַנְדֶערֶע'.

אִיךְ הַאלְט מִיט יֶעדְן טָאג אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה, אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין בֵּית פֵיגָא, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ גְרִיס פוּן דִי מְנַהֶלֶת פוּן אוּנְזֶער שׁוּלֶע אִין אַמֶערִיקֶע, זִי זָאגְט זִי אִיז גֶעוֶוען בַּאזוּכְן אִין בֵּית פֵיגָא אִין יְרוּשָׁלַיִם, מֶען הָאט אִיר גֶערוּפְן זִי זָאל זֵיי לֶערְנֶען, לְמַעֲשֶׂה אִיז זִי אַהֵיים גֶעקוּמֶען מִיט שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס זִי הָאט בַּיי זֵיי גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ בַּאקוּם גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף אַלֶע שׁוּלְן וִוי שֵׁיין עֶס פִּירְט זִיךְ, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט אַהֲבָה; דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר מוּט צוּ וֶועלְן קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ עֶנְק.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פֵּאר קִינְדֶער

## עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין עֶרְגֶער

דֶער צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף חַיִּים זָאנֶענְפֶעלְד זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, דֶער רָב אִין יְרוּשָׁלַיִם גֵייט אִין גַאס, עֶר בְּרוּמְט זִיךְ אוּנְטֶער שְׁטִילֶערְהֵייט אַ תְּנוּעָה׳לֶע, עֶר בֶּענְקְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע צַדִיקִים, וואוּ זֵיי גֵייעֶן און וואוּ זֵיי שְׁטֵייעֶן - בְּרוּמְט זֵייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי בֶּענְקֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַ יוּנְגֶער אַרַאבֶּער און וַוארְפְּט אוֹיפְן צַדִיק אַ שָׁאלַאכְטְס פוּן אַ בַּאנַאנֶע, דֶער צַדִיק פַּארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, דֶער צַדִיק וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַרַאבֶּער, דֶער צַדִיק וַוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִים.

״כַּ-א-טְ אֶ-לְ כַּ-א-רַ-א-פ!״ קִינְדֶער עֶנְק וַוייסְן וָואס דָאס מֵיינְט? אִין אַרַאבִּיש זָאגְט מֶען אַ שֵׁיינֶעם דַאנְק, כַּאט אֶל כַּארַאפּ; דֶער צַדִיק זָאגְט פַּארְן אַרַאבֶּער ׳אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַּארְן וַוארְפְן אוֹיף מִיר דִי שָׁאלַאכְטְס׳.



״אַ שֵׁיינֶעם דַאנְק!״

דֶער אַרַאבֶּער וֶוערְט צֶעמִישְׁט, עֶר גֵייט צוּ צוּם צַדִיק אוּן פְרֶעגְט אִים: "פַארְוָואס זָאגְסְטוּ מִיר יְיַשֶׁר כֹּחַ, אִיךְ הָאבּ דִיר דָאךְ גֶעוָוארְפְן אַ בַּאנַאנֶע שָׁאלַאכְטְס?" זָאג דֶער צַדִיק: "אַ דַאנְק אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעוָוארְפְן אַ שְׁטֵיין".

קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען עֶס גֵייט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט - זָאל מֶען אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס, דֶער צַדִיק וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט וֵויינֶען אַז מֶען הָאט אִים שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, נֵיין, דֶער צַדִיק וֵויינְט נִישְׁט, דֶער צַדִיק לַאכְט, דֶער צַדִיק זָאגְט "שְׁכֹּחַ", דֶער צַדִיק לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זַיין עֶרְגֶער.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דִי צַדִיקִים, זֵייעֶרֶע עֵצוֹת - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק.